# די סאַגע
## פֿון
# די אַרקטישע ים־שוואַלבן

דאָ רעדט זיך די סאַגע פֿון בעריש יצחקזון, וואָס ער פֿאָרט אויף צפֿון כּדי צו געפֿינען גרינלאַנד, אים אײַנצונעמען אין נאָמען פֿון די בני־טערצעס, און זײַן באַגעגעניש מיט די אַרקטישע ים־שוואַלבן. דאָס איז געווען אין אײַזלאַנד, ווו ער האָט זיך געזאַמט אַ ווײַלע איידער ער פֿאָרט אָפּ קיין גרינלאַנד, אויף צעראַבעווען.

אויפֿן וועג האָט ער אַ ווײַלע אונטערגעהאָלפֿן אַ חבֿרה ריזן וואָס זיי אַלע גלאָצן אויף אַ גלעטשער,כּדי צו זען צי ער באַוועגט זיך צי ניין.

— אָט, אָט, אָט! דאָרט!, האָסטו געזען?

— וואָס? ווו? וואָס? כ'האָב גאָרנישט געזען.

— מע דאַרף קוקן מיט אויגן! ס'איז טאַקע אַ שווער שטיקל אַרבעט מיט אַזעלכע מיטאַרבעערס.

ער האָט זיי איבערגעלאָזט צו זייער מחלוקת און, צוריקפֿאָרנדיק צום שיפֿל, איבערגענעכטיקט אין אַ שטעטל וואָס הייסט וויק, האַרט בײַם ברעג ים. ער האָט דאָרט געפֿונען אַן אָרט אויף דער פּלאַזשע, לעבן אַ סקאַלע, אַוועק פֿונעם ווינט, אַ בעקוועמער אָרט זיך אַוועקצוזעצן, אָנקוקן די כוואַליעס מיט עטלעכע טראַטווע ים־פֿאַפּוגײַען, וואָס זיי טונקען זיך אונטער, איינער נאָכן צווייטן, כאַפּן פֿיש. אין ים ווײַט אַ הונדערט פֿאַטמער[1] שטייען הויכע, צעבראָכענע זײַלן שטיין, צעקלאַפּט און אויסגעשניצט דורכן אינדנבראָך, "די סטעקס". נאָך די טעג מיט די ריזן און זייער גלעטשער איז אים איצט געווען גוט, דאָס זיצן איינער אַליין שטילערהייט זיך צוהערן צום וואַסערראַוויש און ווינט.

"ווער זיצט אויף אַ שטיין איז צוויי מאָל דערפֿרייט", איז ער אַרויף צוריקצוגייען אין אַכסניא. צווישן ים און דעם וועג דורכן שטעטל האָט ער דערזען אַ סטעשקע, אַ ברייטע, כּמעט אַ שליאַך, וואָס פֿירט אפֿשר אַ ראָסט[2] דורך אַ ברייטן באַוואַקסענעם שטח, אַוועק פֿון די הײַזלעך, ביז צום צווייטן עק שטעטל. אַ קוק טאָן? פֿאַר וואָס ניט?

---

[1] "faðmr": אַן אַלט־נאָרוועגישער לענג־איינס, אַן ערך זעקס פֿיס אין דער לענג; "אַזוי לאַנג ווי די פֿאַרשפּרייטונג פֿון די אָפֿענע אָרעמס. פֿון אָט דעם וואָרט שטאַמט דאָס ענגלישע וואָרט "fathom".

[2] "rôst": דאָס אַלט־נאָרוועגישע וואָרט פֿאַר "אָפּרו", געניצט פֿאַרן מהלך צווישן צוויי רו־אָפּשטעלן, כּמעט אַ מײַל אין דער לענג.

דער וועג האָט געפֿירט דורך פֿעלדער מיט גראָזן, אין דער הייך ביז איבער די קניען. שיין האָבן זיי געפֿאָכעט אינעם ווינט – די גראָזן, ד"ה,ניט די קניען – און שוין בײַ די ערשטע פֿאַר טריט האָט ער דערזען אַ פּאָר ים־שוואַלבן, שיינע קליינע פֿייגל, פֿאָרערס־שבפֿאָרערס[3]. מע רופֿט זיי אין אײַזלאַנד "קריִעס" צוליב זייער בענומענע קולות. שוין אַ געשריי פֿון די צענדליק פֿייגל. אַ ביסל ווײַטער און נאָך אַ פּאָר צענדליק בליץ־ווײַסע "קראַיִעדיקע" מיט זייערע שוואַרצע מיצלעך. טראָט בײַ טראָט אַלץ מער און אַלץ שרײַיקער, אַ בהלה. אויבן זײַנען זיי אויף אים אָנגעפֿלויגן, אַ וואָלקן פֿון עטלעכע הונדערטער פֿייגל איבער זײַן קאָפּ; אונטן האָבן געצאַנקט די שאָטנס אויף די פֿאָכנדיקע גראָזן.

נאָענט זײַנען זיי געפֿלויגן צו זײַן קאָפּ, ער האָט מורא געהאַט זיי זאָלן אים ניט שלאָגן אויף אַן אמת, פֿון מאָל צו מאָל האָט ער זיך אונטערגעבויגן ווען די שאָטנס צעאײַלן זיך פֿון נאָענט פֿאַרבײַ.

דאָס געשריי איז געקומען פֿון אומעטום, הייזעריק אָבער שיין. נאָענט זײַנען זיי געפֿלויגן, אָבער שלאָגן האָבן זיי אים ניט געשלאָגן, איז זײַן מורא אַוועק, כאָטש ער האָט נאָך אַלץ אָפֿט אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ. אַ האַלבע שעה אָן אויפֿהער זײַנען זיי אויף אים אָנגעפֿאַלן – אַז אַ הונדערט פֿליִען צוריק אויף די נעסטן, קומען נאָך אַ הונדערט אים צו וואָרענען ער זאָל ניט שטערן זייערע קורטשיקלעך.

סוף־כּל־סוף איז ער אָנגעקומען בײַם צווייטן עק שטעטל, איבערגעלאָזט די שרײַענדיקע פֿייגל, און צוריקגעגאַנגען דורכן שטעטל, אַרײַן אין אַכסניא צו דער צײַט פֿון וועטשערע. גוט וואָס ער איז דאָרט געהאַט געווען פּונקט דעמאָלט – אין צוויי דרײַ וואָך אַרום וועלן די אַלע ים־שוואַלבן אָפּפֿליִען מיט די אויפֿגעוואַקסענע אפֿרוחים אויף דרום אינעם אַנטאַרקטיק, וואָלט ער ניט איבערגעלעבט דעם "אָנפֿאַל".

אויב דאָס איז ווייניק, אַז ער איז אַוועקגעפֿאָרן פֿונעם ים־שוואַלבן־שטעטל, האָט ער דערזען נאָך איין ווונדער, דער לעצטער איידער ער קומט אָן אין גרינלאַנד: דער וועג האָט געפֿירט צווישן דעם ים אויף לינקס און אַ הויכער סקאַלע אויף רעכטס. איבערן קאַנט פֿון דער סקאַלע פֿאַלט אַראָפּ אַ גרויסער וואַסערפֿאַל. דאָס וואַסער איז אָבער ניט געקומען צו פּליושקען אויף דער ערד, נאָר עס איז צוריקגעבלאָזן געוואָרן אין אַ וואָלקן טומאַן. דער פֿליין אונטן בלײַבט טרוקן, אַ וועלט מיט מאָכיקע קישנס לאַווע, געשליפֿענע, געלע, באַרוועדיקע קישנס. אַ מאָדנע לאַנד איז דאָס.

---

[3] אָט דער קליינער, טאַקע דעליקאַטער פֿויגל בלײַבט בײַ זומער אַ גאַנץ יאָר, פֿליט ער ווײַט אויף צפֿון, קיין דעם אַרקטיק, האָדעוועט אויס דאָרט די פֿויקעלעך אין צפֿונדיקן זומער, און נאָך אַ פּאָר חדשים פֿליט ער ווײַט אויף דרום, קיין דעם אַנטאַרקטיק, 20,000 מײַלן אַ יאָר.



======================
Copyright © 2006-2007 Barry Goldstein
6/12/2007 5:51 PM
ternsaga.doc